ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | פרשת נח | שנת תשע"ב

## נח איש צדיק תמים היה בדורותיו את האלקים התהלך נח:

דער **בעל הטורים** זאגט אז די ווערטער האלק'ים התהל'ך נ'ח,איז ס"ת חכ"ם.

זאגט דער **בנין דוד** פשט לויטן פסוק אין קהלת **לב חכם לימין ולב כסיל לשמאלו**, טייטשט דער **ווילנער גאון** זי"ע דעם פסוק לויט דעם כלל פון חז"ל אז **אך** איז א מיעוט און **גם** איז א ריבוי. די אותיות וואס זענען אויף די רעכטע זייט פון **לב** איז **אך** (ווייל א' איז פאר ב', און כ' איז פאר ל'), און די אותיות וואס זענען אויף די לינקע זייט פון **לב** איז **גם** (ווייל ג' איז נאך ב' און מ' איז נאך ל'), דאס זאגט דער פסוק **לב חכם לימינו**, א חכם גייט אלס אויף רעכטס פון **לב**, וואס דאס איז **אך**, ער איז זיך ממעט און האלט זיך קליין, **ולב כסיל לשמאל** א כסיל האלט זיך אויף די לינקע זייט וואס איז **גם** וועגן דעם האלט ער זיך גרויס.

אין מס' עבודה זרה (דף ה' ע"א) זאגט רש"י אז תמים איז א עניו.

דאס זאגט דער פסוק **נח איש צדיק תמים** אז נח איז געווען אן עניו, ווייל **את האלקי'ם התהל'ך נ'ח ס"ת חכם**, ווייל ער איז געווען א חכם, איז ער געגאנגען אויף די רעכטע זייט און זיך געהאלטן בענוה.

❀

## קץ כל בשר בא לפני כי מלאה הארץ חמס מפניהם:

דער **רבי ר' העשיל פון קראקא** זי"ע זאגט דעם פשט אויף די ווערטער **ב"א לפנ"י**, לויט דעם וואס שטייט אין מדרש רבה (פל"א אות ה') אז דער חילוק פון א גזלן און א חמסן איז אז א חמסן איז מען ווען מ'נעמט וויניגער פון א שוה פרוטה, און א גזלן ווען מ'גזל'ט מער ווי א שוה פרוטה. און עס שטייט אין מדרש אז די אנשי דור המבול פלעגן טאקע אויסרעכענען צו גנב'ענען וויניגער ווי א שוה פרוטה, כדי מ'זאל זיי נישט קענען דן זיין אלס גזלנים.

די גמרא זאגט אין מס' בבא מציעא (דף נ"ה ע"א) אז ווען עס איז דא א דין תורה אויף וויניגער ווי א שוה פרוטה טוט זיך בית דין נישט צושטעלן דערצו.

דאס זאגט דער פסוק **קץ כל בשר בא לפנ"י**, אז דער רבש"ע אליין דארף זיך אפגעבן און דן זיין די רשעים, פארוואס דוקא דער אייבערשטער אליין? **כי מלאה הארץ חמס לפניהם**, וויבאלד די אנשי דור המבול זענען געווען חמסנים, זיי האבן דוקא גע'גזל'ט וויניגער ווי א שוה פרוטה, און דער בי"ד של מטה האט דאס נישט געקענט דן זיין.

❀

### עבודת התפילה

דער הייליגער **בעל שם טוב הקדוש זי"ע** האט גטייטשט **צהר** א לעכטיגקייט **תעשה לתיבה** זאלסטו מאכן אין די ווערטער ביים דאווענען, אז די ווערטער פונעם דאווענען זאלן שיינען און לייכטן.

אזוי אויך טייטשט ער דעם פסוק **בא אתה וכל ביתך אל התיבה**, אז מ'דארף דאווענען מיט אלע כוחות אז דאס דאווענען זאל אריינגיין אינעווייניג אינעם גאנצן גוף, דאס טייטש **בא אתה וכל ביתך**, דער מענטש מיטן גאנצן גוף זאלן אריינקומען **אל התיבה** אין די ווערטער פונעם דאווענען, אז מ'זאל ווערן אין די בחינה פון **ואני תפילה**, מ'זאל ווערן איינס מיט די עבודת התפילה.

## צהר תעשה לתיבה:

רש"י ברענגט צווי טייטשן אויפן ווארט "צהר", לויט איין דעה מיינט דאס א פענסטער, און לויט די צווייטע דעה מיינט 'צהר' א שטיין וואס האט געמאכט ליכטיג.

זאגט **הגה"ק רבי יהודה אסאד זצ"ל** לויט דעם וואס רש"י זאגט אויפן ווארט "בדורותיו" אז **יש דורשין לשבח, ויש דורשין לגנאי**, קען מען זאגן אז די צווי רש"י'ס זענען געוואנדן איינס אין צווייטן, ווייל רש"י ברענגט אין פרשת וירא: ווען איינער ווערט געראטעוועט פון א צרה אינעם אייגענעם זכות, דעמאלט מעג ער זעהן ווי אזוי דער אויבערשטער שטראפט די רשעים, אבער אויב ער ווערט געראטעוועט פון א צרה אין זכות פון א צווייטן - ווי למשל "לוט" וואס איז געראטעוועט געווארן אין זכות פון אברהם אבינו - טאר ער נישט זעהן ווי אזוי דער אויבערשטער שטראפט די רשעים.

לויט דעם קען מען זאגן, אז די **יש דורשין לשבח**, לויט זיי מיינט **צהר** א פענסטער וואס ער האט געקענט ארויסקוקן פון די תיבה, ווייל ער איז געווען א צדיק האט ער געמעגט זעהן די מפלה פון די רשעים. משא"כ לויט די **יש דורשין לגנאי**, איז ער דאך נישט געווען אזא גרויסער צדיק, איז ער נאר געראטעוועט געווארן אין זכות פון אנדערע כדי עס זאל קענען ווערן א נייע וועלט, לויט זיי איז **צהר** א שטיין וואס האט געלויכטן, ווייל אין די תיבה האט נישט געטארט זיין א פענסטער, ווייל זיי האבן נישט געטארט זעהן די מפלה פון די רשעים.

# אוצר הידיעות

## די איבערלעבער פונעם מבול

אין **סידור יעב"ץ** (חלק ג' מגדול עוז, עליות הטבע) ווערט געברענגט א דבר נפלא, אז די טבע פון א יונה איז אז זי עסט נישט קיין שום זאך וואס איז אפגעריסן געווארן אין שבת. ווייל כנסת ישראל איז צוגעגליכן צו א טויב, און פון די יונה איז דא אן אות ברית אויף שבת קודש.

אין ספר **באר שלמה** (מהדו"ת מערכת י' אות ב') זאגט ער אז מיט דעם פארשטייט מען דעם פסוק **'והנה עלי זית טרף בפיה'**, ווייל די יונה האט געטראפן דאס בלעטל אום שב"ק, און זי האט נישט געוואלט עסן דעם בלעטל ווייל דאס איז געריסן געווארן אום שבת, האט זיך דאס נאר געהאלטן אין מויל און נישט אויפגעגעסן.

דער **מדרש** דערציילט אז **עוג מלך הבשן** איז געקומען צו נח, און ער האט זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל רחמנות האבן אויף איהם און ער זאל איהם אריינעמען אין די תיבה. נח האט איהם באטראכט און ער איז דערציטערט געווארן פון זיין הויך, און ער האט געטראכט ביי זיך "דער ריז האט אומזיסט מורא פונעם מבול, די וואסער פונעם מבול וועט זיכער נישט אנקומען ווייטער פון זיינע פיס קנעכל און ער וועט נישט געשעדיגט ווערן", אבער עוג האט זיך אזוי שטארק געבעטן ביי איהם אז ער האט אים נישט געקענט אפזאגן, האט אים נח געבעטן אז ער זאל איהם שווערן אז ער וועט קיינמאל נישט מאכן קיין צרות פאר זיינע קינדער.

עוג האט אים טאקע געשוואוירן דערויף, דאן האט אים נח געגעבן רשות צו זיצן אויף איינע פון די העלצער וואס זענען געווען באהאפטן צו די תיבה, און ער האט אויך געמאכט א קליין פענסטערל אין די וואנט פון די תיבה דורך וואו ער האט אים ארויסגעגעבן צו עסן.

דער **מדרש** דערציילט אויך אז עס איז געטון געווארן א נס פאר עוג מלך הבשן, אז ארום די תיבה איז די וואסער געווען אויסגעקילט, אזוי האט ער געקענט זיין אין די וואסער, צוזאמען מיטן גרויסן וויזל-טיר וואס איז גרויס פערציג פרסה, אזוי גרויס ווי דער הר תבור. וואס מ'האט איהם צוגעבינדן ביי די הערנער ביי די זייטן פון די תיבה, און ער איז געשוואומען אין די קאלטע וואסער נעבן די תיבה.

# אוצר רבותינו

## אלה תולדות נח, נח

עס איז געווען איינער פון די צדיקים אין די פריערדיגע דורות, וואס האט געהאט א ישיבה מיט בחורים, און ער פלעגט כסדר זיצן און לערנען מיט זיינע תלמידים מיט א גרויסע יגיעה און פלאג.

איינמאל איז אים איינגעפאלן א מחשבה אז עס זענען דא גרויסע צדיקים מפורסמים וואס זיי פלאגן זיך נישט אזוי שווער צו לערנען יומם ולילה מיט די תלמידים, נאר מ'זעהט זיי זיצן אסאך צייט פארדרייכערנדיג זייער לילקע ציבעך, און זיי שמועסן מיט זייערע תלמידים סיפורי צדיקים, און זיי זענען מייחד יחודים מיט כוונות. אפשר זאל ער אויך אזוי טון, דהיינו, אנשטאט זיצן און זיך פלאגן מיט די תלמידים וועט ער דינען דעם אייבערשטן אויפן צווייטן דרך אזוי ווי אנדערע צדיקים.

האט ער אבער געטראכט אז ער וועט קודם פארן צו זיין רבי'ן **הרה"ק רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע** און ער וועט זיך מיט אים מתייעץ זיין איבער דעם געדאנק.

ווען ער איז אנגעקומען קיין ראפשיץ, איז ער צוגעפארן צו זיין רבי'נס הויז, און ער זעהט ווי דער רבי ליגט אין בעט, זייענדיג נישט אין געהעריגן מצב הבריאות, און ארום זיין בעט זענען געשטאנען מערערע תלמידים און חסידים. אזוי אז ער האט באלד פארשטאנען אז יעצט איז נישט די ריכטיגע צייט צו קענען רעדן מיטן רבי'ן איבער דעם ענין.

אבער אין יענע מינוט וואס ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן געבן שלום האט ער זיך אליינס אנגערופן "איך וויל דיר זאגן א דבר תורה".

"עס שטייט אין די סדרה **אלה תולדות נח**, אל"ה איז א רמז אויף עבודה זרה, אזוי ווי עס שטייט ביים חטא העגל אז אידישע קינדער האבן געזאגט 'אלה אלהיך ישראל'. זאגט דער פסוק **אל"ה** די עבודה זרה **תולדות נח**, דאס קומט ווייל מ'רוהט זיך צופיל אפ און מ'ברענגט אן די צייט, דאס ברענגט צו די ארגסטע עבירות ר"ל. איי ווועסטו דאך פרעגן **נח איש צדיק תמים היה בדורותיו**, עס זענען דאך דא צדיקים וואס האבן מנוחה, זיי רויכערן א לולקע ציבעך און שמועסן מיט די חסידים? אויף דעם איז דער תירוץ **את האלקים התהלך נח**, זייער מנוחה את מיטן אייבערשטן אז זיי זעינען דבוק אין אים און זענען נישט מסיח דעת פון אים קיין איין רגע, אבער דו גיי ווייטער דיין וועג און לערן ווייטער מיט דיינע תלמידים אזוי ווי ביז היינט.

# יגעת ומצאת

### לאמיר גיין לערנען אינאיינעם א שטיקל גמרא אין מסכת בבא בתרא (דף קכ"א ע"ב)

זאגט די הייליגע גמרא, תנו רבנן, שבעה קפלו את כל העולם, זיבן מענטשן האבן ארומגערינגעלט די גאנצע וועלט, דאס מיינט זיי אלע אינאיינעם האבן דורכגעלעבט די גאנצע וועלט, מתושלח ראה אדם הראשון, שם ראה מתושלח, יעקב ראה את שם, עמרם ראה את יעקב, אחיה השילוני ראה את עמרם, אליהו ראה את אחיה השילוני, ועדיין הוא קיים, און אליהו הנביא לעבט נאך ביזן היינטיגן טאג.

נאכן נאכקוקן די גמרא אינעווייניג מיט די רש"י, און האלטן קאפ אויף די יארן ווען אדם הראשון, מיט די אבות הק', האבן געלעבט וכדומה, קען מען זייער שנעל אנצייכענען ווען די זיבן מענטשן זענען געווען, און ווי אזוי די זיבן מענטשן האבן געקענט קענען איינער דעם צווייטן.

1) מתושלח ראה את אדם הראשון:

אדם הראשון איז נפטר געווארן בשנת?

מתושלח איז געבוירן געווארן בשנת?

2) שם ראה את מתושלח:

מתושלח איז נפטר געווארן בשנת? שם איז געבוירן געווארן בשנת?

3) יעקב ראה את שם:

שם איז נפטר געווארן בשנת? יעקב אבינו איז געבוירן געווארן בשנת?

4) עמרם ראה את יעקב:

יעקב אבינו איז נפטר געווארן בשנת? עמרם איז געבוירן געווארן בשנת?

5) אחיה השילוני ראה את עמרם:

עמרם איז נפטר געווארן בשנת? אחיה איז געבוירן געווארן בשנת?

6) אליהו ראה את אחיה השילוני:

אליהו הנביא איז געווען זיין תלמיד, און ער לעבט אויף אייביג.

עס איז מקובל פון ספה"ק אז אחיה השילוני איז געווען דער רבי פון?

*

וואס זענען די שבע מצוות בני נח?